בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ה' פ' לך לך | ו' חשון | תשע"א | סוטה ל"ג:

# באריכט:

נעכטן אווענט איז מרן רבינו שליט"א געגאנגען אויף מאנסי ווי דער רבי שליט"א האט מסדר קידושין געווען ביי די חתונה בבית האדמו"ר מ'דעעש-קרית יואל שליט"א, דער רבי שליט"א האט זיך באטייליגט ביי די חופה בבגדי שבת אלס קרוב לבית דעעש מצד חותנו האדמו"ר מ'וויזניץ שליט"א.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר יוסף ברוך רייך הי"ו פון וויליאמסבורג, הב' בן מוה"ר הערשל קלעפנער הי"ו פון וויליאמסבורג, און הב' בן מוה"ר שמואל אליעזר ראטה הי"ו פון בארא פארק.

## דרשות פתיחה<br>אין מבצר הכוללים אין קרית יואל

נעכטן מיטאג איז פאהרגעקומען דער פתיחה אינעם מבצר הכוללים ד'קרית יואל ווי עס האט אויפגעטרעטן דער ראש הכולל הרה"ג ר' ברוך מיללער שליט"א מיט דברי פתיחה, דערנאך האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' העניך אשכנזי שליט"א חדב"ן ורב ביהמ"ד אבני צדק – ראה"כ חבורת הל' שבת מיט א דרשה פאר די חשובע לומדים.

## פתיחה אין כולל אין בארא פארק

אין כולל דברי יואל אין בארא פארק האט נעכטן אויפגעטרעטן דער ראש הכולל הרה"ג ר' יוסף דוד שנעעבאלג שליט"א דומ"ץ טשערנאוויץ מיט א דרשת פתיחת הזמן.

## לומדי כולל למצייונים ויואל משה אין ירושלים פארהערן זיך יו"ד ח"ב

אריבער 20 אינגעלייט פון די בארימטער כולל למצויינים אין ירושלים עיה"ק האבן זיך אצינד געלאזט פארהערן שו"ע יו"ד ח"ב ביי הגה"צ ר' יושע ראזענבערגער שליט"א חבר הבד"ץ וגאבד"ד קרית רמ"א, אין די קומענדיגע וואכן ווערט געפלאנט א מעמד כבוד התורה לכבוד די חשובע לומדי הכולל.

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.